**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/21/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט סטעיט פאליציי טראפיק זיכערהייט קאמפיין דורכאויס 2022 טענקסגיווינג סוף וואך

***סטעיט פאליציי און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג צו פארמערן פאטראל קארן צו פארמיידן שיכור'ע און אגערסיווע דרייוון דורכאויס די האלידעי תקופה***

***קאנסטרוקציע-פארבינדענע לעין פארשפארונגען באגרעניצט פון 6 צופרי, מיטוואך, נאוועמבער 23 ביז 6 צופרי מאנטאג, נאוועמבער 28 צו פארגרינגערן האלידעי רייזעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סטעיט פאליציי און לאקאלעי געזעץ אינפארסירונג אגענטורן וועלן זיך באטייליגן אין א ספעציעלע טראפיק זיכערהייט איניציאטיוו אפצוהאלטן אומזיכערע דרייוון אויפפירונג אזוי ווי דער ווינטער האלידעי סעזאן הויבט זיך אן. די איניציאטיוו פאר די טענקסגיווינג סוף וואך לויפט פון מיטוואך, נאוועמבער 23, ביז מאנטאג, נאוועמבער 28.

"טענקסגיווינג איז געווענטליך פון די פארנומענסטע רייזע צייטן פון די יאר, און אונזער הויפט פריאריטעט איז צו זיכער מאכן אז יעדער קומט אן פון און צו זייערע דעסטינאציעס זיכערערהייט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר וועלן נישט טאלערירן קיינע אנגעטרונקענע דרייווערס אדער דרייווערס וועלכע זענען אונטער די איינפלוס וועלכע לייגן אין סכנה די לעבנס פון יעדן איינעם אויף אונזערע געסער. אויב אייערע טענקסגיווינג פייערונגען רעכענען אריין אלקאהאל, פלאנירט פון פאראויס צו האבן א זיכערע וועג אהיים מיט א ניכטערע דרייווער."

אין א באמיאונג צו פארגרינגערן רייזעס דורכאויס דעם פארנומענעם טענקסגיווינג סוף וואך, וועלן ציטווייליגע לעין אפשפארונגען פאר ראוד און בריק קאנסטרוקציע פראיעקטן אויף ניו יארק סטעיט הייוועיס אוועקגענומען ווערן פון 6 אינדערפרי אום מיטוואך, נאוועמבער 23 ביז 6 אינדערפרי מאנטאג, נאוועמבער 28. דרייווער זאלן זיין וויסן אז געוויסע ארבעט קען מעגליך אנגיין הונטער פערמאנענטע צעמענטענע ווענט פאר עמערדזשענסי פאררעכטונגען. די אפשטעלונג פון קאנסטרוקציע איז אין איינקלאנג מיט ניו יארק סטעיט'ס 'דרייווערס ערשט' (Driver's First) איניציאטיוו, וואס שטעלט אלץ פריאריטעט די באקוועמליכקייט פון דרייווערס כדי צו מינימיזירן טראפיק אנגעלייגטקייט און רייזע פארשפעטיגונגען צוליב ראוד און בריק ארבעט.

**ניו יארק סטעיט פאליציי ציטווייליגער סופעראינטענדענט סטיווען א. ניגרעלי, האט געזאגט,** "אזוי ווי דרייווערס פארן אריבער די סטעיט צו זעהן זייער פאמיליע און פריינט דורכאויס דעם טענקסגיווינג האלידעי סוף וואך, מוטיגן מיר זיי צו לייגן דאס דרייוון זיכער אלץ זייער הויפט פריאריטעט. דרייוון אונטער די איינפלוס און אגרעסיווערהייט, פארן שנעל, נישט נוצן זיכערהייט מאסנאמען [ווי סיט בעלטס] און טעקסטן בשעת'ן דרייוון פאראורזאכן אלע הויכע צאלן פון זינלאזע וואונדן און טויטפעלער. די סטעיט

פאליציי איז איבערגעגעבן צו מאכן אונזערע געסער זיכערער, און צוזאמען קענען מיר זיכער מאכן אז יעדער האט א זיכערע און פרייליכע טענקסגיווינג."

**די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע (Traffic Safety Committee) טשעירמאן און דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles) קאמישאנער, מארק דזש. פ. שרעידער, האט געזאגט,** "מיר ווילן אז אלע וועלכע פארן צו זעהן פאמיליעס און פריינט צו אנקומען צו זייערע דעסטינאציעס זיכערערהייט און דאס מאכן דורכן זיך צוריקהאלטן פון דרייוון לייכטזיניגערהייט און אונטער די איינפלוס. דרייוו'ען אומפעאיג שטעלט אייך, אייערע פאסאזשירער, און אלע אויפן ראוד אין געפאר. האלט אפ טראגישע אינצידענטן דעם טענקסגיווינג דורך דרייוון ניכטער."

**סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "אונזערע ראודס זענען באזונדערס פארנומען דורכאויס טענקסגיווינג, און כדי צו מאכן דאס פארן גרינגער און זיכערער פאר יעדן, וועלן מיר אפשטעלן קאנסטרוקציע אקטיוויטעטן דורכאויס דעם האלידעי סוף וואך אזוי ווי געזעץ אינפארסירונג אגענטורן קאנצעטרירן זיך מיט זייערע באמיאונגען אויף ראוד זיכערהייט מאסנאמען. מיר ווילן אלע אנקומען צו אונזערע פאמיליע צוזאמקומען און אנדערע פייערונגען זיכערערהייט, און דערפאר דארפן מיר אז דרייווערס זאלן טוהן זייער חלק און זיך אויפפירן אחריות'דיג הונטערן רעדל. דאס מיינט אויספאלגן די ראוד געזעצן, זיך צוריקהאלטן פון דרייוון אונטער די איינפלוס אדער פון זייענדיג אומאויפערקזאם און פון קוקן אויף אייער טעלעפאן. דורכן זיין פאראנטווארטליך און וואכזאם בשעת'ן דרייוון איז א גוטע וועג צו ווייזן הכרת הטוב פאר די פובליק זיכערהייט און פאר יעדן'ס פערזענליכע זיכערהייט."

**ניו יארק סטעיט טרו-וועי אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר, מעטיו דזש. דריסקאל, האט געזאגט,** "די טענקסגיווינג האלידעי איז איינס פון די פארנומענסטע רייזע צייטן פון די יאר, און מיר מוטיגן דרייווערס צו דרייוון זיכערערהייט, פארן שטייטער און זיך אריבעררוקן אויף די זייט ווען זיי זעהען עמערדזשענסי און ראוד ארבעט קארן און טראקס אויף די ראוד. ווען דרייווערס מאכן אומזיכערע באשלוסן הונטערן רעדל לייגן זיי לעבנס אין סכנה. מיר באדאנקען די ניו יארק סטעיט פארן ארבעטן צוזאמען מיט אונז צו האלטן די טרו-וועי אלץ איינס פון די זיכערסטע סופער-הייוועיס אינעם לאנד."

די טרו-וועי אויטאריטעט דערמאנט מאטאריסטן אז ניין סערוויס ערטער זענען פארשלאסן און אונטער קאנסטרוקציע אלץ טייל פון די 450 מיליאן דאלארדיגע פריוואטע אינוועסטירונג און מאדערניזאציע פראיעקט. גאז סערוויסעס בלייבן אפן ביי אלע לאקאציעס. אויף צו פארזיכערן אנגייענדע סערוויסעס צו טרו-וועי קאסטומערס דורכאויס קאנסטרוקציע, וועלן נישט קיין שום צוויי נאכאנאנדיגע סערוויס ערטער אין זעלבער ריכטונג זיין פארשלאסן פאר רענאוואציעס אין דער זעלבער צייט. דרייווערס קענען זעהן די סערוויס ערטער און פלאנירן זייערע אפשטעלונגען אויף די טרו-וועי אויטאריטעט'ס וועבזייטל און אויף דעם אומזיסטן טעלעפאן עפּ.

די סטעיט פאליציי וועלן צולייגן צו די רעגלמעסיגע פאטראל קארן איבערן סטעיט מיט ספעציעלע פאטראלן קעגן דרייוון אונטער די איינפלוס, אריינרעכענענדיג דראָג אנערקענונג עקספערטן, אויפגעשטעלטע ניכטער טשעקפּוינטס, אינפארסירונג פון טרונקען פון קינדער אונטער אכצן יאר, אינפארסירונג פון פארן שנעל, און דאס באנוץ מיט באהאלטענע פאטראל קארן (Concealed Identity Traffic Enforcement) צו קענען בעסער טרעפן דרייווערס וואס רעדן אדער טעקסטן אויף א טעלעפאן וואס זיי האלטן אין די האנט. די באהאלטענע קארן מישן זיך אויס מיט די טאג-טעגליכע טראפיק, אבער זיי קענען קלאר אנערקענט ווערן אלץ עמערדזשענסי קארן ווען די עמערדזשענסי לעמפלעך ווערן אנגעצינדן.

העכערע מאסן פון טראפיק זענען א געווענטליכע ערשיינונג דורכאויס די טענקסגיווינג האלידעי סוף וואך. עס איז אויך א צייט ווען טרונקען אלקאהאל איז פארשפרייט. דורכאויס די 2021 טענקסגיווינג האלידעי תקופה זענען א סך הכל פון 12,975 טיקעטס ארויסגעגעבן געווארן. טרופערס האבן ארעסטירט 183 דרייווערס פאר DWI, געגעבן 4,609 ספידינג טיקעטס און 340 טיקעטס פארן זיין אומאויפמערקזאם ביים דרייוון.

צו אנטמוטיגן דרייווערס פונעם דרייוון אונטער די איינפלוס, וועלן די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע און אירע שותפים אנטיילנעמען אין א סאָושעל מידיע בליץ קאמפיין איבערן לאנד נוצנדיג די העשטעג #BoycottBlackoutWednesday (לייגט א חרם אויף 'בלעקאַוט' מיטוואך).

די טענקסגיווינג שיכור'ע דרייוון אינפארסירונג איניציאטיוו ווערט פינאנצירט דורך די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע.די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע און די ניו יארק סטעיט STOP-DWI פאַונדעישען דערמאנען דרייווערס אז זייער ["Have a Plan" (האט א פלאן) טעלעפאן עפ](#) איז דא צו באקומען פאר Apple, Android און Windows סמארטפאונס. דער עפ ערמעגליכט פאר ניו יארקער צו געפונען און רופן א טעקסי אדער רייד-שעיר סערוויס און פראגראמירן א דעזיגנירטע דרייווער ליסטע. עס שטעלט אויך צו אינפארמאציע איבער DWI געזעצן און שטראפן, און גיבט א וועג צו באריכטן פארדעכטיגטע שיכור'ע דרייווערס.

דרייוון שיכור אדער אונטער איינפלוס פון דראגס לייגט נישט נאר אין סכנה די לעבן פון דעם דרייווער און די לעבנס פון אנדערע, נאר עס קען אויך ברענגען צו ארעסט, זיצן אין דזשעיל און באדייטנדע קנסות און לעגאלע קאסטן. די דורכשניטליכע ארעסט פארן דרייוון שיכור קאסט ביז אזויפיל ווי $10,000.

ארעסטירטע שיכור'ע דרייווערס און דרייווערס אונטער איינפלוס פון דראגס קענען אויך פארלירן זייער דרייווער'ס לייסענס, צאלן העכערע אינשורענס ראטעס, און צענדליגע אנדערע אומערווארטעטע אויסגאבן פונעם אויפנעמען א לויער, קנסות און אפצאלונגען פאר די געריכט, טאָוען די קאר און פארריכטונגען, און פארלירן צייט פון די ארבעט.

די ניו יארק סטעיט פאליציי, די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע און די נאציאנאלע הייוועי טראפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע (National Highway Traffic Safety Administration) רעקאמענדירן די פשוט'ע עצות זיך צו פארמיידן פון דרייוון אונטער די איינפלוס:

- פלאנירט א זיכערע וועג אהיים בעפאר די 'סחורה' הויבט זיך אן.
- בעפארן טרונקן, באשטימט איינער צו זיין א ניכטערער דרייווער.
- אויב איר זענט אונטער די איינפלוס, נוצט א טעקסי אדער אנדערע קאר סערוויסעס, רופט א ניכטערער פריינט אדער קרוב אדער נוצט פובליק טראנספארטאציע.
- נוצט אייער קאמיוניטיס 'ניכטערע היטש' פראגראם.
- אויב איר פארדעכטיגט אז א דרייווער איז שיכור אדער אונטער די איינפלוס אויפן ראוד, צווייפלט נישט און רופט לאקאלע געזעץ אינפארסירונג.
- אויב איר ווייסט אז איינער וויל ארויסגיין דרייוון אדער פארן אויף א מאטארביציקל בשעת'ן זיין אונטער די איינפלוס, נעמט אוועק זייערע שליסלעך און העלפט זיי מאכן אראנזשירונגען צו אנקומען וואו זיי דארפן גיין זיכערערהייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418